שמואל ראסין

י

י

ן

פאעמע

243

א ר ב ע ט — טאלמידים פון דער
אידישער פאליגראפישער שול
אין מאסקווע·

שמואל ראסין.

שׁירין.

פאעמע

„ליריק"
מאסקווע — 1922

PRINTED in U. S. S. R.

אַ רעטעז,

א עמעס,

אַ ליגן —

ווער ווייסט?

— מיין ברידער א שיקן,

מיין מאמען א טרייפט.

1.

ערגעץ לייבט זיך א פייער
פון בייביקער שטוב
און עגבערט דעם שווארצן טיל טעל.
און עלנדער שטילקייט פון שפעט
ערגעץ ווארט מיך און, אפענע טיר
בא א שוועל.
עפשער ווארט דארט מיין שוועסטער,
מיין מאמע אף מיר?
אף מיר דעם פארוואגלטן
ברודער און קינד
און עלנדער שטילקייט פון שפעט.
עפשער ווארט דארט א ווייסע א זויבערע בעט
באווארגטע פון מוטערשע הענט?
נאר איך ווייס, איך געדיינק:
ס'איז מיין מוטער ניט פארא:
אין דעם לאנד,
ס'האט מיין שוועסטער ווי איך ניט קיין היים,
און מיין פרוי איז פארבלענט
און פארפירט און פארפלאנטערט אין נעץ...

. . . .

קיינער ווארט ניט אף מיר.
קיינער גרייט זיך אף מיר,
ס'האבן ווינטן פון לאנגווייל

צוויפֿנט א טיר
דארט אין בייביקער שטוב...

2.

ווייסרוסישע וואמריקע פֿעלדער!
איר האט מיך דערצויגן אף אייערע הענט,
און טיפֿן פֿון אייערע טאלן
האב איך קוואלן אנדעקט,
האב איך עלנד דערקענט...
פֿון אייערע שמאלע פֿארלענגטע וועגן
האב איך זיך צו אויסוועגן, צו ווייטן געווענט-
— און אויסגעצערטלט, אויסגעווייטאקט
האב איך אף וואמדן אייערע —
א שטיין...
אט דעם שטיין פֿון מיין יונגן אליין
אף מיטן פֿון אייערע וועגן וואס שטייט —
א וואקן א דיקער
מיט ברילן אף שטערן פֿארריקט.
ער האט זיך אין אייערן טאבלעס פֿארקלערט
און אייער טרויער פֿארקוקט.
אים האב איך מיין אומעט דעם ערשטן פֿארטרויט
מיין באלעם דעם ערשטלינג אנטפלעקט
און מיין יונגטליך ווי און מיין צאר...
. . . .
ערגעץ וויט דארט אין פלאנטער פֿון אייערע סטעזשקעס,
וואו איך האב געלערנט זיך גיין
און אייערע וואמדן פֿארהוילן

איז א קרעניצע פאראן
א לעבעדיקער קוואל.
דארט האב איך צום ערשטן געלאזן
א מענשליכע טרער,
דארט האב איך צום ערשטן
מיין אומבאוואוסט טרויער דערפילט
מיין זאפטיקן ביינקען דערקענט...
דארט האב איך אליין זיך
צו וויטן געצוינגן
מיט ליבטיקע הענט...

3.

כ'האב געזעגנט מיט פעלד,
זיך געזעגנט מיט וואלד
און מיט זאמד, און מיט טאל,
און מיט זילבערנעם קוואל—
זיך געזעגנט מיט נאר מיין אמאל.
מיט פארגליווערטן שטיין,
מיט מאמען, מיט הוים,
מיט שוועסטערשן שויס
און מיט ווינקלען פארקלערטע
פון הויז...

. . . .

כ'בין אין וויטן אוועק
איך האב לענדער געזוכט,
האב איך וויטן אנדעקט,

האב איך וועגן פארמעקט
און מיין הארץ, און מיין הארץ
האט געמאנט, האט גענאגט...
ניט נאך גליק, ניט נאך גליק
האב איך זיך געיאגט.
כ'האב פארגעסן געוואלט,
כ'האב צעווייען געגארט...

. . . .

און מיין ווארצל, מיין שטאם
אין מיין היימאט אין מיר
האט פארדארט, האט פארדאדט...

4.

איך געדיינק שוין ניט ווען,
איך געדיינק שוין ניט וואו...

. . . .

ס'האט מיין פאטער, א יונגער
געגרייט זיך אין וועג.
און נאכט איז געווען
און ווינטער איז דאן
און דארט הינטער פענסטער
אין שנייאיקן הויף
ווארט שוין א שליטן,
ווארט שוין א שפאן..
מיט קריאת שמע אף ליפן
מיט פרומען „אחד"

האט טאטע זיך רוען א ווײלע געלײגט
און דארט הינטער פענסטער
אין שלאפיקן הויף
איז שליטן שוין גרײט
און שפאן איז שוין גרײט.
און פליצלינג א קרעכץ
האט פארשטאכן אין לופט...
כ'האב רופן געפרואװט
כ'האב וועקן געפרואװט...
פון אפענע אויגן —
געקוקט אף מיר טויט...

5.

כ'האב א ברודער דערצויגן
אין וואגל דערנערט
כ'בין אים ווי טאטע און מאמע געװען
און ברודער און כאוװער נאך מער...
און ער איז געוואקסן,
און ער האט צעבליט
און מיר פונם טאטן
דעם אומבליק פארהיט.

. . . .

כ'האב אנגעקוקט זיך,
כ'האב אנגעקוקט אים:
מיר ווײנען שוין בײדע
אײן הויך און אײן גרויס

איז דאס ניט קיין טרייסט?...

6.

ווער באלאנערט מיין פרייד?
וועלכער אומגליק מיך ווארט אין מיין גליק?
— ס'דאט מיט דאפלטע ואפטן
מיין יינגט צעבליט
און פארשיקערט די ערד און צעווינט...

. . . .

ס'האט מיין וויגג זיך מיט וועגן פון ברודער צעשיידט:
ער איז מיט יינגט מיט גאנצער
צו מאמען אוועק,
צו שוועסטער אוועק.
— און איך
צו זיך
אין מיין וויגג...

7

ס'איז פאראן אזא ארט
ס'איז פאראן אזא לאנד,
אזא יארט
אזא נאמען—
זאל געבענשט זיין דאס לאנד,
די געקרייציקטע ערד
זאל געבענשט זיין איר נאמען...

. . . .

ב'איז אפגעפרישט מיין בליט
אין אירע שטראמען...

. . . .

אויסגעשעטאלט האט זיך מיין האנט
און אויסגעשארפט האט זיך מיין שווערד
אין לאנד
פון אויפגעפראלטע טהאמען...

. . . .

היי! וועד יאגט מיך דארט נאך,
מיינע טריט ווער באטרעט?
ווער האט שטעכיקע ריטער
מיר אין שארבן צעשטעלט
און מיין קאפ מיט א דארן באקרוינט?
ב'האבן שטורעמס באפורעמט מיין קארק
און מיין מוסקל פארשטייפט
און מיין ווילן פארשטארקט...

8.

איז אף זאמדיקע פעלדער
א פייערדיק וואלקן אראפ
און אף קעפ פון צעאקערטע ווינטן
א פייערדיק וואלקן אראפ.
און די זאמדן צעגליט,
און די זאמדן צעברענט,
און צעשטויבט, און צעטראגן
אף מיילן —

זאמריקע גאלדענע זוילן,

ס'האט אין פייער א האנט זיך באוויזן,
א גאלדענער הארן.
ס'האט אין מידבאר צעברענט זיך א דארן ..

און מיין ברודער דער אינגסטער
א אינגל נאך גאר
מיט אידעשע אויגן,
מיט רוסישע האר,
איז אין שלאכטן אוועק,
און פארלארן זיין קאפ
— אף דער רוסישער ערד.

9.

האבן קרינער געקערט
און ארויגעס געבראכט
און צעשטעלט זיי אף דער ערד
און מיין ברודער מיט זיי
האט צוריק ניט געקערט.

זיינען מאמעס געגיינגען
די טויטע באזוכט
און די גלידער געזוכט,
און באטאפט מיט די הענט

האט מאמע צווישן טויטע
איר זון ניט דערקענט...

. . . .

און מאמע האט אונז
און אליין זיך גענארט.
האט א וויאך נאך א וואך
אויף זיין קומען געהאפט,
אויף זיין קומען געוואַרט...

. . . .

זאל פאלן אף רוסישע ערדן דיין טרער
דיין מוטערשע טרער...
אויב די ערד איז ביז איצטער
מיר טייער געווען,
וועט זי איצטער
מיר טייער־ער זיין.

10.

איז מיין מוטער אוועק
און די שוועסטער מיט איר,
אין א ווייטער לאנד,
אף א פרעמדער ערד
און פארוואַרלאזט מיין היים,
און פארלאזן די שטוב,
און די פענסטער פארהאקט,
און די לאדן פארקלאפט.—

כ'וועל אין שטוב ניט אריין,
ניט באטרעטן די שוועל,
ניט באריירן די ווענט
פון דער ביכיקער שטוב...
ניט פאר מיר, ניט פאר מיר
איז געגרייט דארט א בעט.
אין דעם פייער וואס ברענט
אויף שטעכיק און העל,
האט געצינדן א שער,
האט צעלייגט דארט אויך
אף צו מינטערן מיך
אף פארפירן אין שפעט...

11.

ווער וואגט עס, ווער וואגט עס
אז גרוים איז דער רים?
אז ער איז שוין מער ניט פאראנען?
— ער וועט קומען מיין ברודער
ער וועט קומען געווים
צוריק צו זיין מאמען...
ווער וואגט עס, ווער וואגט עס
אז ער האט אין שלאכט
איביקע רו זיך געפונען
האט עמיץ פון אייך איס צו קייוער געבראכט,
האט ווער זיין געביין דען געפונען?

ס׳גרייט זיך מאמע אף איב —
ס׳איז מיין שוועסטער נאך וואך
און װארט נאך ביז היינט אויף זיין קומען...
ווער זאגט עס, ווער זאגט עס,
אז גרויס איז יעדער ריב?
אז ס׳איז שוין קיין טרייסט ניט פאראנען?

12.

ס׳ האט מיין ברודער
געשלאגן דעם שטיין
פון מיין וועגן אליין
אף מיטן פון וועגן וואס שטייט.
האט געשלאגן מיט שווערד און מיט קאס
און צעפּנט אין איב
א לעבעדיקן קיואר
און ס׳ פארפלייצט
די געקרייציקטע ערד...

. . . .

און עס ווייסט ניט קיין מענש
פון זיין קייוער,
און עס ווייסט נישט, ניט מאמע,
ניט איך...
זיין קייוער איז דארטן,
זיין קייוער איז דא,
און יעטווידער שטאט
אזא קייוער פארא —

א בערגל א הויכע
באצירטע מיט קרענץ
באיואקסן מיט גראז

. . . .

ס' האט מיין ברודער
געשלאגן דעם שטיין,
און מיט קוואל
מיינע בלוטן פארמישט,
און מיט קוואל
מיינע בליטן באפרישט..

קליינע ביבליאטעק „ליריק.“

דערשינען:

ד. האפשטיין — זונען-שלייפן

„ — גינען-געוועב

ל. רעזניק — אין בלייכע אויפגאנגען

„ — סאמעט

אשר שווארצמאן — פון גאלדענע ווייטן

א. קושניראוו — ווענט

י. דאברושין — אלעקסאנדר בלאק

י. טשייקאוו — סקולפטור

נ. אויסלענדער — פראנט

פערעץ מארקיש — נאכט-רויב

שמואל ראסין — שיין

מאסקפּראפּבילד ־ אידגעזקאם
אידישע פּאליגראפישע שול
מאסקווע, מאמאנאװסקע געסל 2.

Главлит № 3106, Москва. Тираж 3000 экз.